True Torah Jews

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ׳ן ״קול נטרונא״ סיסטעם

**די באריכטן ווערן אַראָפּגענומען פון די וועכענטליכע אַפּדעטיס וואָס ווערן געהערט אויפ׳ן ״קול נטרונא״ טעלעפאָן ליניע, און איז דעריבער, שטייגערליך, רעדאַקטירט ספּעציעל עס זאָל דינען דעם מינדליכן באַנוץ. די פאָלגענדע נייעס איז אַ בלויזער ציטאַט דערפון וואָס מיר שיקן צוליב דעם גרויסן פאַרלאַנג, ככתבו וכלשונו.**

פרייטאג פ׳ וישלח - י״ג כסלו תשע״ד



קול נטרונא

באַריכטן • אָפּהאַנדלונגען
אַנאַליזן • שיעורים • דרשות

**718.873.0055**

True Torah Jews Inc.
183 Wilson St. #162
Brooklyn NY 11211

Phone:
718.841.7053
Fax:
718.504.4513
Email:
info@truetorahjews.org



**מעמבערשיפ**
מיט נטרונא
**$360**
לשנה


# ביבי נתני׳ לעזט דראמאטיש אויף רעגירונג׳ס קאאליציע אויפ׳ן וועג צו פרישע בחירות

## ׳חוק הלאום׳ איז געווען לעצטער שטרוי וואס האט צעבראכן רוקן פון די וואקלדיגע רעגירונג

## פאראהאנדלונגען וואס זעצן פאר מיט חרדי׳שע פארטייען, ברענגט צום אויבערפלאך אומפארשעמטע התנהגות פון די רעליגיעזע נאכשלעפערס

דראמאטישע אנטוויקלונגען שפילן זיך אפ אויפן פאליטישן פראנט אינעם כנסת המינים. דאס וואס מען האט פאראויסגעזאגט און געשאצט האט פאקטיש פאסירט ווען די וואך דינסטאג אווענט איז אפיציעל געמאלדן געווארן די ענדגילטיגע ענדע און צוזאמפאל פון דער ביז יעצטיגער רעגירונג - קאאליציע אין די מדינה, וואס באדייט אז פרישע בחירות ווערן פאררופן און א נייע רעגירונג וועט צונויף געשטעלט ווערן.

דאס קומט נאך לאנגע וואכן פון צאנקערייען צווישן די פירער פון עטליכע פארטייען וועלכע ווערן פארטרעטן אין די קואליציע, צוליב א רייע טעמעס, דערונטער די קאנטערווערסיע ארום די ׳חוק הלאום׳, ווי ברייט אויסגעשמועסט פארגאנגענע וואך דא אויף קול נטרונא.

די לעצטע און דעצידירענדע זיצונג איז פארגעקומען מאנטאג נאכט צווישן נתני׳ פון די ליכוד פארטיי און לפיד פון יש עתיד. די שטימונג צווישן די צוויי איז געווען זייער פארביסן און טראציג ווען נתני׳ האט צווישן אנדערע געפאדערט אז לפיד מוז מסכים זיין צו שטומען פאר דעם חוק הלאו״ם, און יענער האט זיך שארף אנטזאגט פון די תנאים. ווען דאס האט זיך אויסגעלאזט מיט א דורכפאל איז קלאר געווארן אז די רעגירונג וועט פאלן און פרישע בחירות זענען אויפן וועג.

ביבי נתני׳ האט זיך נישט געלאזט לאנגווארטן, א טאג דערויף האט ער געשיקט בריוו פאר די פירער פון די צוויי לינק געניגטע פארטייען, יאיר לפיד און לבני, אז זיי ווערן ארויסגעשטויסן פון זייערע פינאנץ און יוסטיץ מיניסטעריום בענקלעך, און די רעגירונג ווערט אויפגעלעזט אויפן וועג צו בחירות. די נתני׳ - לפיד - בענעט רעגירונג קאאליציע האט אויסגעהויכט איר אומווערדיגע נשמה, און האט ניטאמאל אויסגעלעבט האלב פון איר טערמין.

### די פרומע פארטייען ווערן געזען ווי מעגליכע שותפים:

לויט אלע ווארשיינליכקייטן ווערן די רעליגיעזע פארטייען געזען ווי מעגליכע פארטנערס אין די קומענדיגע נתני׳ קאאליציע, און פאראהאנדלונגען דערוועגן זענען שוין אין פולן שוואונג צווישן די רעליגיעזע פארטרעטער און דעם ראש הכופרים. עס ווערט פארשטאנען אז ביבי איז געווען אויסן צו צעווארפן די יעצטיגע רעגירונג וויסענדיג אז ער וועט האבן א א גרינג פעלד מיט די חרדים וועלכע וועלן אים העלפן צוזאמשטעלן די קומענדיגע רעגירונג מיט אים אין שפיץ.

בעצם איז דאס איז א געפערליכע דערנידערינגען שריט פון די פרומע פארטייען, נאכדעם וואס ביבי האט זיי אזוי פאררעטעריש באהאנדלט אין לויף פון זיין יעצטיגן קאנדעץ. די חרדים האבן דאך געצייגט אזא לאנג- יעריגע שותפות און בלינדע געטריישאפט מיט סלאגאנען פון ׳ביבי טוב לחרדים׳, אבער ווען עס געקומען דערצו האט ער איינפאך אויסגעדרייט דעם דאשיק און געשלאגן כפרות מיט זיינע געוועזענע קאלעגעס. אונטער זיין רעגירונג איז פאקטיש אויסגעפירט געווארן די ערגסטע חוקים און אין די היסטאריע פון די מדינה, אינאיינעם מיט די אנדערע שונאי

## רצון קדשו של מרן רבינו הקוה״ט זצוקללה״ה

**... לדעתי אפשר לקבץ אפילו אלף אנשים מבני ישראל הכשרים שירצו להשתייך למסגרת זו... וזה יהיה כח גדול בע״ה....**
**אם אין לנו קיבוץ מאוחד של אנשים הרשומים בחבורתינו, אז מבטלים אותנו ואת כל פעולותינו, ואומרים, מי הם ? וגם באמעריקא אף שמדינה זו מרובה היא באוכלוסין, מכל מקום חבורה של אלף איש נחשבת כחבורה חשובה, ואפשר לקבץ אנשים גם משאר מדינות, מחוץ לגבולות ארצה״ב.**
לכל פעולה שרוצים לעשות נחוץ כסף לדבר, ובלעדי מעות אינו אפשר לעשות כלום, ולדאבונינו אין הפרוטה מצויה... ואין בדעתי ח״ו להטיל עול של סכום גדול על יחידים, אלא חושב אני שכל יחיד יתן בסך הכל רק 10דולר לשנה, בתור דמי חבר, ומזה יתקבץ לערך סכום של 10,000 דולר לשנה, ובסכום כזה אפשר בס״ד לפעול הרבה..
(מספר בוצינא קדישא)

נטורנא
True Torah Jews

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ה ד ת
האט ער דורכגעפירט
איין געזעץ נאך די אנדערע פון עקירת
התורה און גזירות על הדת.

ווער געדענקט דען נישט די סטראשינקעס און ווארענונגען וואס מען האט געהערט מיט בלויז א יאר צוריק, ווען נתני' האט זיך צעריסן מיט די רעליגיעזע פארטיי פירער און זיי ביטער אויסגעשפילט. וואס פארא אזהרות און התרעות האט דעמאלטס געהערט אויף אים פון די פרומע חברי הכנסת. 'לא נשכח ולא נסלח' האבן די צייטונגען הייס פארשפראכן, מען האט ווידערהוילט אז דאס מאל האט מען איינמאל פאר אלעמאל געענדיגט מיט נתני' און מען וועט אים דאס געדענקן אויף אייביג.

פון קוועלער נאנט צו נתני' האט מען דאן טאקע געהערט אפלאכן אז די רעליגיעזע גלייכן צו רעדן ביז עס קומט לידי מעשה, ביי די ערשטע געלעגנהייט וואס זיי וועלן שפירן אז זיי האבן ווידער דעם שאנס אריינצוגיין אין די קאליציע וועלן זיי 'קריכן אויף אלע פיר' צוריק צו ביבי. בלויז א קורצע תקופה איז פאראיבער, און אלע איבערצייגן זיך ווי גערעכט ביבי איז געווען מיט'ן ווארפן איבער'ן דראנג די חרדים, און ווי עפעקטיוו עס זענען די רעליגיעזע דראאונגען.

די פרומע פארטייען קוקן שוין ארויס פון אונטערן טיש מיט גליסטיגע בליקן, פון די פארשטויסענע אפיזיציע בענקלעך קוקן זיי מיט פרייד צו די אנטוויקלונגען מיט דער האפענונג אז אלכה ואשיבה אל אישי הראשון, צוריק צום אלטן ידיד ביבי נתני', און צוריק צו די אפענע קראנען פון תקציבים און פאנדן לחיותינו כיום הזה.

ווייל דאס איז דאך די ארגינעלע אגודה דאקטערינע וואס זעצט שוין פאר צענדליגער יארן: ווען ביבי וויל זיך מיט זיי נישט מחבר זיין איז פארהאן דער איסור פון התחברות לרשעים מיט די ממשלת הזדון, עס ווערן ארויסגענומען אלע שארפע פראזן פון שאפע און מען פראוועט קנאות אויפ'ן גרעסטן פארנעם. אבער דאס איז אלעס רעלעוואנט ביז די מינוט וואס ביבי דערמאנט זיך אז מען קען מעגליך נוצן די חרדים פאר זיין רעטונג'ס ברעט, ווערן אלע פסוקים פון התבדלות און לשונות פון מלחמה לה' בעמלק אריינגעווארפן אין 'שמות', און ווידער זינגט מען מיט עקסטאז לבנימין אמר, אהבת ישראל, ישראל אע"פ שחטא, אחינו אתה. דער ראש הממשלה ווערט גאנץ שנעל צוריק א היימישער, און אויסגעלויבט אין אלע היימישע קרעמלעך פאר זיין חכמה און וואונדערליכע פקחות.

### די גרויסע געפאר פון א 'מלחמת דת' אדאנק די פרומע פארטייען:

אבער דאס ארגסטע פון אלעמען איז דער שרעקליכער חורבן וואס קומט ארויס פון א סוטאציע ווען דער טרויעריג בארימטער 'חוק הלאום' און אלע אנדערע עקסטרעמע טעמעס וואס ביבי וויל אצינד פאראויסריקן וועלן חלילה ווערן נקראת על שמם פון פרימע אידן. די וועלט באקומט דאס בילד אז מיט עקסטרעמיזים און נאציאנאלע ציונות קויפט מען אפ דעם חרדי'שן איד, וואס האט נישט קיין פראבלעם דערמיט און וועט מעגליך זיך אריינזעצן אין די קאאליציע.

דער יעצטיגער מציאות שטעלט אהער א בילד אז אויב וויל ביבי התנחליות, אויב וויל ער דעם חוק הלאום, אויב וויל מען דורכפירן אנדערע ראסיסטישע געזעצן קעגן דרויסנדיגע פעלקער, טראסקעט מען ארויס די לינקע פארטייען, מען צעקריגט זיך מיט לפיד, און מען פארהאנדלט מיט ... די חרדים !, זיי זענען פאסיגע שותפים פאר אזא סארט רעגירונג און גוטע קאלעגעס לגבי די טעמעס.

דאס ברענגט צום באדויערן ווידער ארויף דעם חרדי'שן איד צום אויבערפלאך פון אלוועלטליכע שנאת ישראל רח"ל. צום באדויערן האבן שוין אויך די אראבישע רוצחים דערגאנגען דעם סוד. נמנו וגמרו אז דער חרדי'שער איד איז זייער שונא נומער איינס, ווי מען זעט פון די לעצטיגע ביטערע טערער אטאקעס ווי בלויז אידן שומרי תורה ומצות זענען נעבעך באטראפן געווארן פון די רציחות.

זאל השי"ת שומר ומציל זיין אויב וועט דאס חלילה טאקע פאסירן, אז די חרדים וועלן זיך צוזאמשטעלן מיט ביבי אין די קומענדיגע קאאליציע וואס וועט פאראויסשטיפן די אלע עקסטרעמע ליניעס פון חוק הלאום און התנחליות. דאס וועט בלויז ארויסשטעלן א בילד אז דא האנדלט זיך אין א 'מלחמת דת' פאר דאס ציונות אין שפיץ פון די חרדים, אשר תוצאותיו מי ישורנה פאר יעדן פרומען איד איבער די גאנצע וועלט.

### דער אחריות אויף ערליכע אידן אין אזא צייט:

ביבי נתני' זעצט פאר מיט דעם פלאן צו באשטעטיגן דעם חוק הלאום, מיט'ן איינציגן ציל, צו פארזיכערן דערמיט פאר די גאנצע וועלט אז איזראעל איז די היימלאנד פאר אלע מיליאנען אידן איבער די וועלט, וועלכע באלאנגען בלויז אין ארץ ישראל. דער ניו יארק טיימס אין אן ארטיקל ווייזט אן אז דער געזעץ קען שעדיגן די באציאונגען צווישן איזראעל און אידן איבער די וועלט, וואס ווילן נישט געזען ווערן ווי פרעמדע געוויקסן אין זייער לאנד.

דאס גופא איז אבער די מטרה פונעם ראש הכופרים, צו אריינלייגן אלע אייער אינעם זעלבן שיסל, צו אריינברענגען אלע אידן אין זעלבן שיף, וואס דער קאפיטאן איז פארשטענדליך דער ראש הממשלה, וועלכער איז דער איינציגער וואס איז בארעכטיגט צו רעדן און באשליסן פאר'ן אידישן פאלק.

אידן אין גלות זענען אלס געווען אין די אויגן פון די ראשי הציונים ווי אפפאל, וואס זענען געמאכט געווארן צו דינען זייערע אינטערסן אדער ארויפברענגען קיין ארץ ישראל, די ציונים ווילן זיי בלויז אויסנוצן צום מאקסימום האלטן דער אלוועלטליכער אידנטום ווי קאנאנען פלייש פאר אייגענע אמביציעס.

מיר טארן זיך נישט לאזן פון זיי, מיר מוזן טאן כל מה שביכלתינו צו פארזיכערן אז די ראשי הציונים נעמט אראפ זייער בעלות און אחריות פון אונז. מוסד הק' נטרונא שפאנט פאראויס מיט דעם וויכטיגן פרעזענטאציע קאמפיין, וואס איר נחיצות ווערט פארשטערקערט מיטן יעדן פארבייגענדען טאג.

דער קאמפיין איז געלאזט געווארן אין גאנג, און די געטרייע עסקנים טוען אפעלירן לכל מי שיראת ה' נוגע בלבבו צו אקעגן קומען און ארויסהעלפן די הייליגע ארבעט, הזמן קצר והמלאכה מרובה, מיר מוזן זיך אנגארטלן און ערמעגליכן אז געלט זאל חלילה נישט זיין דער אפהאלט אין אזא שעת צרה.

### חוק הלאום און קדושת הארץ:

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

ווי שוין ערוועגט צילט דער 'חוק הלאום' אין פינטל פון קדושת ישראל, צו מטמא זיין די בחירת ישראל בין העמים, וקדושת הארץ וואס באו זרים ויחללוה.

געגוי ווי די ציונים האבן מחלל געווען דאס קדושת ישראל און פארוואנדלט דאס פאלק אלס א נאציאן גוי ככל הגוים האבן זיי פארשוועכט דאס קדושת הארץ וואס איז אונז מובטח געווארן אין די תורה הק' בעבור ישמרו חקיו ומצותיו ינצורו.

בשעת די ציונים ווילן באשטימען ארץ ישראל אלס דער אידישער נאציאן און זענען מזלזל אין די וועלט אידענטום וואס זיצט אין גלות אויסער ארץ ישראל און מחכה ומצפה צו השי"ת צור ישראל וגואלו, איז דער טרוקענער פאקט אז רוב רובה פון די תורה ריזן במשך ימי גלותינו האבן נישט געוואוינט אין ארץ ישראל, אידישקייט האט זיך געהאלטן טויזנטער יארן אויך ווען מיר זענען צעשפרייט און צעזייט אין די ארצות תבל.

ש"ס בבלי איז נישט נסדר געווארן אין ארץ ישראל, די רבנן סבוראי זענען געווען אין בבל, דאס זעלבע אלע דורות הגאונים, די ראשונים פונעם רי"ף ז"ל ביז'ן זמן סיום הראשונים ביי רבינו הרא"ש ז"ל.

דער הייליגער רמב"ם און דער טור וואס האבן מסדר געווען די תורה פאר אידן, דער מחבר פון שלחן ערוך, דער הייליגער בית יוסף איז הערשט ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל נאכן ענדיגן זיין גרויסן חיבור אין אנדריפולי, דער רמ"א אין קראקע, הט"ז, והש"ך, המג"א, הסמ"ע, הב"ח, וואס מפיהם אנו חיים עד היום הזה האבן אלע געוואוינט אין חוץ לארץ.

דאס זעלבע אין די לעצטע דורות, דער בעש"ט הק' ותלמידיו, דער גר"א ותלמידיו, דער שאגת אריה, רבי עקיבא אייגער,דער נודע ביהודה, און אלע גדולי התורה והקדושה האבן בעיקר געלעבט אין חוץ לארץ. ווייל אידן קענען עקזיסטירן אין די גאנצע וועלט, ווייל אונזער אידענטיטעט איז אמונה און תורה, וואס האלט אונז פאר א פאלק.

מה שאין כן ציונות וואס איר אידעלאגיע איז בלויז לאנד, לשון, און קולטור קען נישט עקזעסטירען אָן איזראעל, אן אייגן לאנד ככל הגוים.

אידן אין די גאנצע וועלט דארפן כסדר פראקלאמירן אז ציונית האט גארנישט מיט די אידישע אמונה נאר זוכט גאר צו מאכען א טראנספאמאציע און פארטוישן די אידישע אמונה. אידן זיכן צו לעבן רואיג אין די גאנצע וועלט, ווילאנג משיח צדקינו וועט אונז אויסלייזן און ארויסנעמען פון דא, און אוודאי האבן מיר נישט קיין שום אינטערעסע אין דער ציניסטישע כיבוש וואס איז לעת עתה שולט אין הייליגן לאנד.

דער גאון רבי שמשון רפאל הירש ז"ל שרייבט איבער די נקודה עטליכע מאל אין זיינע ספרי מחשבה. אז די תורה הק' איז געגעבן געווארן דייקא אין מדבר שממה, צו ווייזן אז אונזער קיום איז נישט תלוי אין א לאנד אדער מקום, פארקערט אונזער תכלית איז די תורה ומצות, און דער נתינת הארץ איז בלויז געווען א מיטל אנצוקומען צו די מטרה פון דביקות בתורה ומצות.

בלויז דערפאר זענען אידן פארבליבן דבוק צו די אמונה הצרופה אויך זייענדיג אזוי ווייט פון זייער לאנד, ווייל נישט דאס איז אונזער קשר מיט אונזער אמונה, נישט דאס איז דער עצם ותכלית פונעם עם ישראל.[א]

אין אור החיים הק' פרשת עקב ווערט געברענגט: ארץ אשר ה' אלקיך דורש אותה (דברים י"א י"ב). דקדק לומר תיבת אלקיך, להעיר כי שבח הארץ היא כשה' מיחד אלקותו על ישראל, **אבל בזמן שישראל גולים ואין השכינה בתוכם, אין שבח כל כך בארץ**.

אמבעסטן טוט דאס ערקלערן דער בארימטער און ערליכער בעל השקפה, שרייבער און דענקער, הרה"ח ר' אוריאל צימער ז"ל וועלכער איז געווען א פארצייטישער ליבאוויטשער חסיד, און האט באוויזן ארויסצוברענגען שריפטליך מיט א געוואלדיגע קלארקייט א ריי מיט שטארקע יסודות אין דעם ענין פון די מדינה, אין זיין אין זיין פענעמאנאלער חיבור 'דאס תורה אידנטום אין די מדינה'.

אונטערן קעפל 'ארץ ישראל און לשון הקודש' שרייבט ער ווי פאלגענד:

פונקט ווי דאס אידישע פאלק איז לויט דער אידישער אויפפאסונג א באזונדערע געטליכע יצירה און אן אייגנארטיגער טייל פון מעשי בראשית, וואס אונטערשיידט זיך פון אנדערע פעלקער, אזוי זענען אויך אלע אנדערע זאכן וואס האבן ביי די אומות העולם א צוזאמענהאנג און פארבינדונג מיט דעם באגריף 'פאלק' – אנדערש ביים אידישן פאלק ווי עס איז אנגענומען אין דער אלגעמיינער וועלט. "לאנד" און "שפראך" ביים אידישן פאלק זענען נישט בלויז "נאצינאלע ווירדן" פונקט ווי די תורה איז נישט בלויז "רעליגיע" ווי עס איז אנגענומען אין דער וועלט.

אויך ארץ ישראל, דאס לאנד וואס עיני ה' אלקיך בה איז א טייל פון דער כונה פון השי"ת כביכול ביים באשאפן די וועלט, ווי עס ווערט

---

א **אגרות צופן אגרת ט"ז**

אותם חיי המדינה העצמאיים של ישראל בימי קדם **לא היו עצם ותכלית לעממות ישראל אלא שימשו אמצעי לבצע בו את יעודו הרוחני. מעולם לא שימשו ארץ וקרקע קשר לאיחודו**, אלא המשימה המשותפת של התורה היא שהטילה עליו את הקשר הזה.

ומשום כך גם נשארה עדיין האחדות בתומה אף בהיותו רחוק מארצו, ולפיכך קיימת עדיין האחדות שעה שהוא נעשה אזרח בכל מקומות גלותו, עד אשר יבוא יום וה' יאחד את בני ישראל גם איחוד חיצוני בארץ. להיות להם לדוגמה ולמופת ולהתגלות ה', **אך אין בכוחנו להגשימו למ־עשה בעצם ידינו.**

**אגרות צופן – אגרת ז'**

במדבר קיבל (עם ישראל) את **התורה ובכך היה לעם במדבר. בלא ארץ ובלא אחוזת אדמה היה לגוף אשר נשמתו תורתו, ובכך היה לממלכת כהנים**, לשמור כעם בתוך האנושות את מצוותיה של תורת ה', דוגמת כהן בתוך עמו. ולהיותו גוי קדוש העומד לבדד בקדושתו ואינו מתערב במעלליהם וב־שאיפותיהם של שאר העמים, ושומר בחייו הוא על קדושת האנושות התורה.

**מילוי הרצון האלקי הם לו אחוזת אדמתו ומטרתו, לכן אין עממותו נזקקה לדברים בני חלוף**, אינה מותנית בדברים חולפים, עומד הוא לעד ברוח ונפש כדבר ה'.

אולם כעם עליו להורות לעמים כי ה' הוא מקור כל הברכה, והוא המאציל לנו את הברכה כי אין לנו אלא לקדש את עצמנו לעשות רצונו כדי שנקבל מידי ה' בשפע של אמ־צעים, **לכן ניתנו לו לאחוזה ארץ וברכותיה, ניתנה לו מערכת מדינה, אך לא כמטרה ניתנו אלה, אלא כאמצעים למלא דברי התורה**, ושמירתה היא איפוא התנאי היחידי לקיומו, ובאשרו זה עליו לעמוד נבדל מן העמים למען לא ילמד מהם להעריץ את אשרו זה כתכלית חייו, בל יאבד כמוהם בהערצתם את אלילי הקנין וההנאה.

# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

אַרויסגעברענגט אין דעם ערשטן שטיקל רש"י פון בראשית, און אזוי אויך לשון הקודש איז די שפראך מיט וועלכער הקב"ה האט באשאפן די וועלט.

די גאנצע וועלט איז א בריאה מלובש אין גשמיות. ווי עס שטייט אין מדרש תנחומא, נתאוה הקב"ה להיות לו דירה בתחתונים, הקב"ה האט געוואלט האבן א דירה אויף דער וועלט. און דעריבער זענען אפילו די רוחניות'דיגע ענינים מלובש אין א גשמיות'דיגן לבוש. אפילו די מצות פון דער תורה הק' וואס זייער מקור און שורש זענען פון הקב"ה אליין, זענען אויך מלובש אין א לבוש גשמי, און מען איז נישט יוצא קיין מצוה ביז מען איז עס מקיים די בפועל. ווי למשל דאס אנטון ציצית פון וואל, אדער לייגן תפילין וואס איז געמאכט פון הויט פון א בהמה, אדער דאס שאקלן מיט אתרוג און לולב וואס דאס זענען גשמיות'דיגע ענינים. און אָן דער מעשה גשמית האט דער מענטש נישט מקיים געווען די מצוה, אפילו ווען ער זאל פארשטיין די טיפסטע סודות וואס ליגן פארבארגן אין די דאזיגע מצות.

אבער נאר די מצוה פון הקב"ה מאכט דעם אתרוג פאר אן אתרוג. ווען א מענטש זאל למשל נעמען א כשר'ן און שיינעם אתרוג ערב סוכות אדער א טאג נאך סוכות, וועט ער דערמיט נישט מקיים זיין קיין שום מצוה, עס איז בלויז ווי ער וואלט געהאלטן אין זיין הענט א פרי וואס איז נישט מער חשוב ווי אן עפל אדער לעמאן. נאר ווען דער מענטש נעמט דעם אתרוג אין דער צייט און לויט דעם אופן ווי די תורה האט געבאטן, נאר דעמאלט איז ער מקיים א מצוה, נאר דעמאלט איז ער זיך מתדבק אין הקב"ה דורך דער דאזיגער מצוה.

דאס זעלבע איז אויך נוגע צו לימוד התורה, ווען איינער למשל, לערנט דעם פרק השותפין שרצו לעשות מחיצה בחצר אין דער גמרא בבא בתרא אדער אין די מפרשי הש"ס. איז ער דערמיט מקיים די מצוה פון תלמוד תורה און ער איז דעמאלט אין כלל פון די אלע געהויבענע בחינות וואס די חכמים האבן געזאגט אויף איינעם וואס איז עוסק בתורה. ווען אבער איינער איז עוסק אין דער זעלבער שאלה פון שותפים וואס האבן געוואלט מאכן א מחיצה אין זייער הויף, פון די געזעץ ביכער פון אמעריקע למשל, אדער לויט דעם קאדעקס אין דעם רוימישן געזעץ וועזן, אפילו ווען דער אויספיר פון דעם געזעץ לויט דער אמעריקאנער אדער רוימישער יוריסדיקציע, זאל זיין דער זעלבער ווי לויט דער גמרא, להבדיל, קען דאס נישט באטראכט ווערן אלס לימוד התורה און עס איז נישט פארהאן דערין קיין שום קדושה. עס איז גענוי אזוי ווי מען וואלט שטודירט די אמעריקאנער שטייער רעגולאציעס, וכדומה.

אמת אויך דער תורה רעדט זיך וועגן דעם זעלבן הויף, ועוגן דעם זעלבן צוים, וועגן די זעלבע שטיינער אדער האלץ פון די מחיצה דארף געמאכט ווערן, אבער דארט איז עס דער רצון פון השי"ת, און קדושה עליונה, ווייל דאס איז א חלק פון דער תורה. מיט אנדערע ווערטער:כאטש אויך די תורה און די מצות זענען עוסק אין ענינים גשמיים, ווארום לא נתנה תורה למלאכי השרת, און די תורה קומט אונז צו לערנען וויאזוי זיך צו פירן אין טאג טעגליכן לעבן אבער די תורה אליין שטייט העכער פון יעדער גשמיות.

דער זעלבער אונטערשיד וואס איז פארהאן צווישן לערנען אין פרק השותפין למשל, און צווישן שטודירן דאס אמעריקאנער געזעץ אין דער זעלבער פראגע, דער זעלבער חילוק איז אויך פארהאן צווישן אנדערע ענינים.

ארץ ישראל איז טאקע א לאנד בגשמיות ווי אלע אנדערע לענדער, וואו עס זענען פארהאן וועלדער און טייכן, הייזער און גערטנער ווי אין אנדערע לענדער, אבער נישט צוליב דעם איז ארץ ישראל דאס הייליגע לאנד. נאר דעמאלטס ווען עס איז אריין קיין ארץ ישראל דער ארון ברית ה' דעמאלט איז ארץ ישראל געווארן דאס הייליגע לאנד.

# נייעס און באַריכטן

וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

## פרשת וישלח

### פרשת הגלות:

די וואך פרשת וישלח לערנען אידן דער פרשת הגלות, די מעשי אבות וואס איז סימן לבנים, דעם אויסגעטרעטענעם וועג פון אידן בימי הגלות וואס יעקב אבינו האט מיט אונז געלערנט , זיך צו מכניע זיין פאר די אומות העולם, אראפבייגן דעם קאפ און סובל זיין דעם עול הגוים ועול הגליות בדומי'.

דער רמב"ן הק' ברענגט טאקע די וואך וואס ס'שטייט אין מדרש רבה אז חכמינו ז"ל איידער זיי זענען זיך געגאנגען טרעפן מיטן מלכות האבן זיי דורכגעלערנט די פרשה פון וישלח, צו וויסן את הדרך ילכו בה מיט די ריכטיגע הכנעה און דרך הגלות. וואו ער זאגט בלשון קדשו: מפני שהיתה קבלה בידם שזו פרשת גלות כשהיה בא ברומה בחצר מלכי אדום על עסקי הצבור היה מסתכל בפרשה זו **ללכת אחרי עצת הזקן החכם.**

ס'איז מערקווירדיג אז דער מנהג ווערט אויך געברענגט אין שלה"ק פרשת משפטים בשם דעם מהרי"ל, אז בימיו האט מען זיך געפירט יעדעס מאל איידער מען איז געגאנגען צו די מלוכה עפעס שתדל'ן אדער בעטן האט מען בעפאר געליינט די פרשה פון וישלח.

אין מדרש לקח טוב שטייט: ויצו גם את השני גם את השלישי גם את כל ההולכים, זו גלות רביעית שהשכיחה כל הגליות, כדבר הזה תדברון אל עשו, **שמלכותו מושכת עד המשיח, במוצאכם אותו, בגדולתו אל תקשו עורף לפניו.**

און טאקע דער סימבאל פון אידישע קינדער בימי גלותם איז שטענדיג געווען די הנהגה פון יעקב אבינו ע"ה, וואו דער מדרש זאגט ואני אתנהלה לאתי אז יעקב האט געזאגט **בפנים כרוכות אני מהלך**– שטיל און אינטערטעניג מקבל זיין דעם גזירת ה' עד אשר אבא אל אדוני שעירה ביז דעם גרויסען טאג פון ועלו מושיעים בהר ציון לשפוט את הר עשיו וועלן אידן זיין נכנע און איינגעהאלטן און אודאי נישט חלילה רעוואלטירן און גיין מיט עזות.

דער רמב"ן זאגט אז דאס איז א רמז לדורות, כל מה שאירע לאבינו עם עשו יארע לנו תמיד עם בני עשו, און מיר דארפן נאכגיין די וועגן פון דעם זיידן יעקב, וואס האט זיך געגרייט מיט די דריי זאכן, לתפלה לדורון, **ולהצלה כדרך מלחמה לברוח ולהנצל.**

מיר זעהן אז דער רמב"ן לערנט אפ דעם 'למלחמה' אז דאס באדייט אין גלות, לברוח ולהנצל. דאס ענין ווערט טאקע מבואר אין רבינו בחיי אויפן פלאץ בלש"ק: **אבל במלחמה אי אפשר, שנאמר** (שיר השירים ב' ז') **השבעתי אתכם בנות ירושלים וגו', השביעם שלא להתגרות מלחמה עם האומות.**

דער רבינו בחיי זאגט ווייטער אויפ'ן פסוק, ואני אתנהלה לאטי, אעמוד בגלותי ושפלותי, **כלומר לא אעורר מלחמה ולא אתגבר בגלות כלל, אבל אסבול עול השעבוד.** ועד מתי יהיה השעבוד, עד שיבא לעתיד לשעיר.עכל"ק.

פון די ווערטער פון די ראשונים כמלאכים זעהן מיר די קלארע הוראה פאר אידן בשנות גלותם, אז מען זאל חלילה נישט רעוואלטירן קעגן די פעלקער נאר אונזער השתדלות ברויך זיין בלויז דורך אנטלויפן און זיך ראטעווען. נאכמער איז מבואר פון דעם רמב"ן און רבינו בחיי אז אויך ווען די אומות העולם אטאקירן אידן און באפאלן זיי מיט רציחות און טערראר איז אונזער איינציגע עצה על פי תורה צו אנטלויפן און אזוי זיך ראטעווען, נישט דורך מלחמה און צוריק קעמפן מיט מיליטערישע מאכט.

דאס איז א לימוד אויף לדורות עולם, ווי רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז מבאר אין די באקאנטע וישלח תורה שנת תשי"ז אז דער פסוק 'ויצו גם את השני גם את כל ההולכים אחרי העדרים' איז מרמז אויף אלע דורות אין אלע זמנים האט יעקב אבינו אנגעזאגט דעם וועג ווייל ער האט מורא געהאט שמא יהרוג את אחרים, אז אידן וועלן חלילה רעוואלטירן און הרג'נען אנדערע פעלקער ווען זיי זענען נישט ערלויבט.

דער רבי זאגט אז דערפאר האט יעקב אבינו געשטעלט די בני השפחות קודם ווען עשו איז אנגעקומען, ווייל מיר זעהן ביי די בני אפרים אז צוליב דעם וואס זיי זענען געווען פון די זרע המלוכה האבן זיי עובר געווען אויף די שבועות, דעריבער האט יעקב ספעציעל געשטעלט די בני



# נייעס און באַריכטן

## וואס זענען לעצטענס געליפטערט געוואָרן אויפ'ן "קול נטרונא" סיסטעם

השפחות פארנט, ווייל זיי זענען נכנעים און וועלן זיך נישט מתגרה זיין מיט דעם רשע.

אין חידושי תורה תשט"ז זאגט דער רבי זי"ע אז דער פסוק כדבר הזה תדברון אל עשו, איז מיט א כ"ף הדמיון, אונז צו לערנען אז אין יעדן דור ווערט נשתנה די מהלכים און דרכים וויאזוי עס אויסצופירן אבער דער תכלית איז אז מען זאל ליידן דעם עול הגלות און מגלה זיין אונזער הכנעה פאר זיי, מפני שכל גלות הוא בבחינה אחרת אבל הסגנון הכל אחד הוא, שילכו בהכנעה לפני האומות.

אין די ספרים הקדושים די וואך, נועם אלימלך, מאור ושמש, אגרא דכלה און נאך, איז באריכות מבואר די נקודה אז דייקא דורך דעם וואס אידן זענען זיך מכניע פאר די אומות העולם און מ'גיבט זיי אפ דעם פולסטן רעספעקט, דאס איז די גרעסטע התעוררות רחמי שמים אז דער רבוש"ע זאל שוין זעהן בענינו און זיך שוין מרחם זיין און אונז אויסלייזען פונעם ביטערען גלות.

דער הייליגער אגרא דכלה שרייבט נאך מער אויפן פסוק ויצו אותם לאמר. אז דער לאמור איז מרמז לדורות, פונקט ווי מיר זען אין די גמרא אז רבינו הק' האט געשריבן פארן קעניג למרן מלכא אנטונינוס, ממנו עבדך יהודה, און ווען דער קעניג האט אים געפרעגט דערויף האט ער געזאגט 'לא טוב אנכי מאבותי', מיט די כונה אויף יעקב אבינו וואס האט געזאגט כה תאמרון לאדוני לעשו כה אמר עבדך יעקב. דערפאר זאגט דער פסוק ויצו אותם לאמר, **לאמר לדורות שינהגו כזה כל ימי גלותם עד יגאלנו גאולת עולם ב"ב.**

דאס אלעס איז געווען א דבר פשוט ביי אידן במשך דעם לאנגען ביטערען גלות, ביז די קליפת הציונות האט ליידער געהויבן דעם קאפ און אריינגעברענגט אינעם כלל ישראל דעם שרעקליכען רעיון פון התקוממות זיך הייבען דעם קאפ און זיך נישט לאזן מער טרעטן, און צום ווייטאג האבן זיי באוויזן צומאכן ממש א שינוי מהות מיטן עם הנבחר. ווי גרויס איז די סכנה און פחד אז אידן האבן אדאפטירט דעם נייעם מהלך פון זיך ארויסשטעלן מיט עזות און חוצפה קעגן די אומות, וואס ברענגט חלילה נישט גוט'ס בגשמיות און דאס זעלבע ברוחניות, ווי די פייערדיגע און פארכטיגע ווערטער וואס עס שרייבט דער בעל עקידה אויף די כונה פון יעקב אבינו מיט'ן פסוק - ודפקום יום אחד- אז אויב אידן ווילן זיך אליינס צואיילן די גאולה איז דא די סכנה פון א פורעניות חס ושלום.

אין די לעצטע תקופה זענען מיר ליידער עדות צו אן אויפשטייג פון די ציוניסטישע אידעלאגיע וואס איז דער היפך הגמור פון עצת הזקן החכם פון זיין איינגעהאלטן. די ציוניסטישע מויל - מאכער זענען לעצטנס מער ווי אייביג אויסטערליש אגרעסיוו אין זייער חוצפה'דיגע מהלך, פון פייפן אויף די וועלט פירער און זיך נישט קימערן מיט קיינעם, אויך ווען עס איז די רעדע פון די גרעסטע וועלט מאכטן.

איז טאקע א דבר בעתו צו ערוועננען הייליגע דיבורים קילורין לעינים וואס ווערט מבואר אין ספה"ק דברי יואל פרשת וישלח דף ר"ז, לויט ווי ס'איז מרומז אין חז"ל אז ווען יעקב אבינו האט געזאגט פאר עשו ויהי לי שור וחמור, האט ער דערמיט אינזין געהאט משיח בן יוסף און משיח בן דוד.

רביה"ק מסאטמאר זי"ע איז מסביר אז יעקב אבינו האט געמיינט צו מרמז זיין פאר עשו אז ער וויל זיך נישט מתגרה זיין מיט אים אין גלות, ווייל ער ווארט אויס אויף די תרי משיחין וואס וועלן אויסלייזן אידן, שאינו מבקש עדיין שום שלטונות, וממשלה וגדולה, **וכל מגמתו הוא להמתין לביאת המשיח, והואיל שאינו מבקש לישב בין מלכים ושרים בדבר זה ימצא חן בעיני עשו.** לכן שלח אליו ויהי לי שור וחמור, כלומר ממתין ומצפה אני לביאת המשיח **וממילא אין לך לשנוא אותי.**

דער רבי איז ממשיך, אז אזוי איז טאקע געווען אין אלע דורות, ווען עשו הערט אז אידן ווארטן רואיג אויף משיח איז ער צופרידן און מען קען געפינען א חן אין זיינע אויגן, דער גוי וויל דאס הערן אז אידן זענען נישט קיין רעוואלטירערס ווילאנג מיר זענען אין גלות, אבער זינט עס זענען אויפגעשטאנען די כתות וואס האבן אוועקגעווארפן דעם עול הגלות און אוועקגעגאנגען פון די דרכי יעקב אבינו, האט זיך טאקע אנגעהויבן די ביטערע צרות און מיר זענען געווארן פארפייניטעט ביי די אומות העולם.

אונזער איינציגע עצה אין דעם אריכות הגלות איז ווייטער צו גיין בדרכי אבות ללכת בעצת אבינו הזקן, דאס וועט זיין אונזער זכות און אונזער הבטחה געהאלפן צו ווערן בקרוב מיט די גרויסע ישועה עד אשר אבוא אל אדוני שעירה. בב"א.

